**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון בער מאונטעין ברידזש הונדערטסטע יארטאג פייערונגען**

***אייקאנישע האדסאן וואלי געהאנגענע בריק וועט פייערן איר 100'סטע געבורטסטאג אין 2024***

***קאסטן פון חפצים וועט באגראבן ווערן צו פייערן קאנסטרוקציע וואס האט זיך אנגעהויבן אין 1923***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון פייערונגען ארום די בעפארשטייענדע הונדערטסטע יארטאג פון די בער מאונטעין ברידזש אין 2024. צווישן יעצט און הערבסט פון 2024 זענען עטליכע געשעענישן און אינציאטיוון אונטערוועגנס צו פייערן אייננס פון די האדסאן וואלי'ס מערסטע מערקווירדיגע סטרוקטרון, אריינרעכענענדיג דאס אויפשטעלן א הונדערטסטע יארטאג וועבזייטל, א דאקומענטארישע פילם און אן אינטערנאציאנאלע בריק אינדזשענירונג קאנפערענץ. פארשידענע פירער און קאמיוניטי מיטגלידער האבן זיך אנגעשלאסן מיט די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט ביי די בריק היינט צו מאכן די אנאנס. די באטייליגטע האבן אויך צוזאמגעשטעלט א קאסטן פון חפצים וואס וועט באגראבן ווערן, אפצייכענענדיג 100 יאר זינט די קאנסטרוקציע פון די בריק האט זיך אנגעהויבן.

"ניו יארק האט א לאנגע היסטאריע פון אויפבויען ערשט-קלאסיגע אינפראסטרוקטור וואס האט טראנספארמירט אונזער סטעיט — א ירושה וואס גייט אן ביזן היינטיגן טאג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר הויבן אן צו אפהאלטן די הונדערטסטע יארטאג פון די בער מאונטעין ברידזש, האף איך אז איינוואוינער און באזיכער צוגלייך וועלן פארזעצן צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון די באליבטע האדסאן וואלי איינריכטונג."

**ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ האט געזאגט,** "די בער מאונטעין ברידזש איז געשטאנען פאר דורות, זייענדיג א טויער צו טייל פון די בעסטע דרויסנדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן אין די צפון-מזרח ראיאן און דינענדיג אלץ א קריטישע רוט פאר לאקאלע איינוואוינער און טוריסטן צוגלייך. אזוי ווי מיר צייכענען אפ איר הונדערטסטע יארטאג, לאמיר געדענקען אונזערע ניו יארקע שכנים – אמאל, יעצט און אין די צוקונפט – וועלכע האבן גרויסע חלומות, וועלכע בויען אויף אונזערע קאמיוניטיס, וועלכע טוהען דאס וואס איז אוממעגליך און וועלכע מאכן די פלאץ זיך פארדינענען איר צונאמען 'די עמפייער סטעיט'."

די בער מאונטעין ברידזש איז באנייט געווארן אום נאוועמבער 26, 1924. עס איז געווען א ריזיגע אינדזשענירונג עררייכונג פאר יענע צייט, זייענדיג די סאמע ערשטע בריק פאר קארן העכער די האדסאן ריווער דרום פון אלבאני און די ערשטע הענגעדיגע בריק מיט א צעמענטענע דעק. פאר א קורצע תקופה האט עס געהאט די טיטל אלץ די "בריק מיט די לענגסטע געהאנגענע צענטראלע שטיקל אין די וועלט." פילע פאררעכענען די דורכברוכן פון די בער מאונטעין ברידזש צו האבן געטריבן צו אן אויפשטייג אין בויען בריקן אין ניו יארק סטעיט און אין דעם גאנצן לאנד אין די פאלגנדע יארן.

די בריק איז צום ערשטע געבויט געווארן דורך א פריוואטע ביזנעס, די 'בער מאונטעין האדסאן ריווער בריק קאמפעני', וואס האט געהאט פארבינדונגען מיט די פראמינענטע הערימאן פאמיליע וואס האט געהאלפן

אויפהאלטן די בער מאונטעין סטעיט פארק און אנדערע דערנעבנדע פובליק לענדער. קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אין פרילינג פון 1923 און איז אנגעגאנגען פאר 20 יאר אן איין פארלוירענע לעבן. איינמאל עס איז געעפנט געווארן האט די בריק געאפפערט פאר באניצער פון דעם אויטאמאביל וואס איז דעמאלטס געווארן מער און מער פאפולער צו קענען אנקומען מער דירעקטערהייט צו די דערנעבנדע סטעיט פארק.

אין די צייט ווען די בריק האט זיך געעפנט אום 1924 איז די טאל פאר צוויי וועגן אריבער פאר א פאסאנזשיר קאר געווען $1.60, מיט צוגאבליכע קאסטן פאר יעדער פאסאנזשיר. אנגעהויבן פון מאי 1, 2023 וועט די טאל פארביידע ריכטונגען צוזאמען זיין $1.65 פאר דרייווערס וואס האבן E-ZPass און $2.15 פאר דרייווערס וועלכע באצאלן דורך די פאסט, אפגעזעהן פון די צאל פאסאנזשירן אין די קאר.

אין סעפטעמבער פון 1940 האט די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט ( New York State Bridge Authority, NYSBA) אפגעקויפט די בריק, און עס איז יעצט די NYSBA'ס מערסטע דרום'דיגע בריק. אין 2018 האט די בריק באקומען די צערעמאנישע נאמען פון "פוירפל הארץ וועטעראנען דענקמאל" בער מאונטעין ברידזש, אין עהרע פון וועטעראנען וואס האבן באקומען דעם פוירפל הארץ מעדאל און אין אנערקענונג פון די ארט'ס רייכע מיליטערישע היסטאריע.

די בריק געפונט זיך אויף אן ארט וואו פיר קאונטיס קומען זיך צוזאם: אראנדזש און ראקלענד אויף די מערב זייט פון די טייך און וועסטשעסטער און פאָטנעם אויף די מזרח זייט. אין צוגאב צום דינען איבער 7 מיליאן קארן א יאר, איז די בריק אויך די אריבערגאנג העכער די האדסאן ריווער פאר די 'אפאלעטשיען טרעיל', א נאציאנאלע הייקינג רוט וואס שניידט דורך איבער 2,000 מייל צווישן מעין און דזשארדזשיע.

**ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, דר. מינאסקע אלאקאנטרע, האט געזאגט,** "הונדערט יאר נאכן אויפגעבויט ווערן זעצט די בער מאונטעין ברידזש פאר צו שטיין מיט שטאלץ העכער די האדסאן ריווער א דאנק די בריק אויטאריטעט'ס פארמיידנדע אויפהאלטונג פראגראם. למעשה איז די הונדערטסטע יארטאג א פייערונג פון די שווער-ארבעטנדע מענער און פרויען וועלכע האבן געבויט, אויפגעהאלטן און באשיצט די בריק כדי עס זאל קענען אריינגיין אין די צווייטע הונדערט יאר פון דינסט פאר די האדסאן וואלי."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "מיר ביי די סטעיט פארקס אפיס גראטולירן די בריק אויטאריטעט פארן העלפן מענטשן יעדן טאג זיך צו פארבינדן מיט זייערע פאמיליע, פריינט און קאלעגן. מיר פארלאזן זיך אויף זייער ארבעט, מיר באוואונדערן זייער אינדזשעניערונג און מיר זענען דאנקבאר צו האבן א חלק אזוי ווי די קאסטן פון חפצים וואס וועט באגראבן ווערן אין די בער מאונטעין פארבינדט אונז מיט די קומענדיגע 100 יאר."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) איז באגייסטערט זיך צו אנשליסן מיט די בריק אויטאריטעט ביים אנהויבן די בער מאונטעין ברידזש'ס הונדערטסטע יארטאג פייערונג. די OGS'ס ביישטייערונג צו די קאסטן פון חפצים רעכנט אריין א צייטונג און א שטיקל פון די זאמדשטיין וואס האט צו טוהן מיט די בעפארשטייענדע און היסטארישע אויסקריצונג פון ריכטערין רוט בעידער גינזבורג'ס געשטאלט אין די ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע. די חפצים באעהרן ניו יארק'ס שטאנד אלץ די געבורט ארט פון די פרויען'ס רעכטן באוועגונג און זיי באעהרן די סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן'ס וויכטיגע ראלע אלץ די פארוואלטער פון אונזער סטעיט'ס אייקאנישע היסטארישע פלעצער."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די בער מאונטעין ברידזש איז געווען אן אינדזשענירונג וואונדער ווען עס איז צום ערשט אויפגעבויט געווארן, און די פאקט אז מיר פייערן איר הונדערטסטע יארטאג זאגט עדות צו דאס וואס קען ערררייכט ווערן מיט באפעסטיגטע און שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור. די היסטארישע בריק איז געווארן אן אומאפטיילבארע חלק פון די האדסאן וואלי'ס לאנדשאפט, און דורכן באעהרן די הונדערט-יאר-לאנגע עררייכונג מיט א קאסטן פון חפצים, לייגן מיר אראפ א שטארקע יסוד פאר די קומענדיגע 100 יאר פון אינדזשענירונג ערפינדונגען."

**ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט באורד אָוו קאמישאנערס פארזיצערין, דזשאָוען מעקדאנעלד האט געזאגט,** "זייט די בריק אויטאריטעט האט איבערגענומען די אייגנטומערשאפט פון די בריק אין 1940 האט די NYSBA באָורד אָוו קאמישאנערס געארבעט צו פארזיכערן אז די בער מאונטעין ברידזש בלייבט א זיכערע, פארלעסליכע און אפּארדעבעל טייך אריבערגאנג פאר איינוואוינער און באזיכער פון די האדסאן וואלי. אזוי ווי מיר באגראבן די קאסטן מיט חפצים, גיבן מיר זיך ווידעראמאל איבער צו די מיסיע פון זיכער מאכן אז רייזנדע אין 100 יאר פון יעצט קענען פארזעצן צו האבן די ערפארונג פון די באליבטע בריק און די הערליכע ראיאן וואס איז איר היים."

**קאנגרעסמאן מייק לאולער האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר פייערן די הונדערטסטע יארטאג פון די בער מאונטעין ברידזש, אנערקענען מיר די געוואלדיגע באדייט וואס די אייקאנישע היסטארישע פלאץ האט פאר די אונטערשטע האדסאן וואלי. עס איז געווען א קריטישע פארבינדונג צווישן די קאונטיס ארענדזש, ראקלענד, וועסטשעסטער און פּאָטנעם, פארבינדנדיג קאמיוניטיס און שטופנדיג פאר עקאנאמישע וואוקס אין די האדסאן וואלי פאר א הונדערט יאר. די בער מאונטעין ברידזש האט באמת בייגעשטאנען די פרואוו פון די צייט, און מיר קוקן ארויס צו נאך פיל יארן פון איר דינסט צו אונזער ראיאן."

**סטעיט סענאטאר פיט הארקהעם האט געזאגט,** "א קאסטן פון חפצים צו באגראבן ווערן איז ווי א דירעקטע בריוו פאר צוקונפטיגע דורות, לאזנדיג זיי וויסן איבער אונזערע עררייכונגען, האפענונגען און טרוימען, און אזי אויך א טעימה פון אונזער אייגענע תקופה. עס איז מיר אן עהרע צו האבן איינגעלאדנט ווערן צו אריינלייגן אין די קאסטן פון חפצים טייל פון די סטעיט סענאט'ס וויכטיגע אונטערנעמונגען וועלכע ווערן געמאכט צו העלפן די ניו יארקער פון מארגן."

**סטעיט סענאטאר ראבערט ג. ראליסאן האט געזאגט,** "די בער מאונטעין ברידזש האט ערמעגליכט די באוועגונג פון מענטשן און סחורות פאר כמעט הונדערט יאר. די היסטארישע בריק דינט אונזערע בירגער בשעת'ן גיבן אן אטעם-פארכאפנדע אויסבליק איבער די האדסאן בערג און די ארום און ארום. איך בין דאנקבאר פאר די מענער און פרויען וועלכע האבן געהאלטן די NYSBA בריק זיכער און אפגעהיטן, צושטעלנדיג א קריטישע פארבינדונג צו פיר קאונטיס פון אונזער האדסאן וואלי ראיאן."

**אסעמבלי פרוי דאנא לעווענבערג האט געזאגט,** "עס דערפריידט מיר אז איך קען פייערן די 100'סטע יארטאג פון די בער מאונטעין ברידזש מיט ביישטייערונגען פאר די גאר ספעציעלע קאסטן פון חפצים. מיין פארגייער, אסעמבלי פרוי סענדי גיילעף, האט געספּאנסארט די געזעץ וואס האט געגיבן די נאמען פאר די בריק אלץ די פוירפל הארץ וועטעראנען דענקמאל בער מאונטעין ברידזש, אנערקענענדיג די וויכטיגקייט פון פוירפל הארץ וועטעראנען און פון די בריק אליין צו די ראיאן. מיט די ריכטיגע פינאנצירונג און קעיר, האף איך אז די בריק וועט בלייבן אפן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**פּאָטנעם קאונטי עקזעקיוטיוו, קעווין בירן, האט געזאגט,** "די בער מאונטעין ברידזש האט א ספעציעלע פלאץ אין מיין הארץ. איך גלויב אז עס האט די שענסטע פאנאראמעס אין די גאנצע האדסאן וואלי און עס איז אויך די פלאץ וואו איך האב געבעטן מיין ווייב'ס האנט. עס איז באמת א היסטארישע סטרוקטור וואס פארדינט זיך צו געפייערט ווערן, און איך ווייס אז פּאָטנעם קאונטי איינוואוינער וועלכע

באנוצן זיך מיט די בריק אויף א רעגלמעסיגן פארנעם זענען דאנקבאר פאר די מאיאסטעטישקייט וואס עס אפפערט."

**ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו, עד דעי, האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיך צו זיין דא היינט פאר די באגרעבעניש פון די קאסטן פון חפצים אזוי ווי מיר גרייטן זיך צו פייערן די 100'סטע יארטאג פון די קאנסטרוקציע פון די בער מאונטעין ברידזש וואס פארבינדט די האדסאן וואלי ראיאן. די לעצטע גירסא פון די ראקלענד קאונטי רייזע אנווייזונג ביכל וועט אויך אריינגעלייגט ווערן אין די קאסטן, און עס וועט זיין באגייסטערנד צו זעהן וויאזוי אונזער געגנט האט זיך אנטוויקלט אין 100 יאר פון היינט. אין נאמען פון אלע ראקלענד איינוואוינער וויל איך זאגן אז ראקלענד קאונטי איז שטאלץ צו זיין א חלק פון די ספעציעלע היסטארישע מאמענט."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, דזשארדזש לאטימער, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר הויבן אן די פייערונגען פון די הונדערטסטע יארטאג פון די בער מאונטעין ברידזש, באעהרן מיר די שעפערישקייט און שווערע ארבעט וואס איז אריינגעגאנגען צו אויפבויען די אייקאנישע סטרוקטור. די בריק האט פארבינדן וועסטשעסטער קאונטי מיט אנדערע קאמיוניטיס און עס האט געשטיצט האנדל פאר דורות. עס האט געדינט אלץ א סימבאל פון באפעסטיגונג און וואוקס פאר הונדערט יאר. לאמיר ארויסקוקן צו די צוקונפט מיט די זעלבע אנטשלאסנקייט און שעפערישקייט וואס האבן אויפגעבויט די פרעכטיגע בריק."

**אראנדזש קאונטי עקזעקיוטיוו, סטיווען מ. נויהאוז, האט געזאגט,** "די קאסטן פון חפצים איז א פאסיגע וועג צו אנערקענען די 100'סטע יארטאג פון די בער מאונטעין ברידזש. די בריק איז א געוואלדיגע אוצר פאר די האדסאן וואלי, און עס ווייזט ארויס איר הערליכע לאנדשאפט. אראנדזש קאונטי איז דא צו שטיצן די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט צו זיכער מאכן אז די בער מאונטעין ברידזש ווערט געדענקט ווען די קאסטן מיט חפצים ווערט געעפנט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון היסטארישע בריקן פון די האדסאן וואלי ( Historic Bridges of the Hudson Valley), קעטרין בורק, האט געזאגט,** "אויב דאס שטודירן די אייקאנישע סטרוקטור פון די בער מאונטעין ברידזש האט אונז עפעס אויסגעלערנט, האט עס אונז אויסגעלערנט אז אויסגעצייכנטע אויפהאלטונג ארבעט וואס ווערט דורכגעפירט דורך די בריק אויטאריטעט זינט זי האט איבערגענומען די אפעראציע און אויפהאלטונג פון די הערליכע בריק אין 1940 האט ערמעגליכט די בער מאונטעין ברידזש צו זיין גרייט צו אריינגיין אין איר קומענדיגע הונדערט יאר אין א גוטע צושטאנד! אויפבויען א געוואלדיגע בריק איז בלויז די אנהויב; היטן אויף די געוואלדיגקייט דערפון איז די סוד פון האבן גוטע אינפראסטרוקטור."

**סופעראינטענדענט פון די פיקסקיל סיטי סקול דיסטריקט, דר. דעיוויד מאוריסיאָו, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די פיקסקיל באורד אָוו עדזשוקעישען און מיין מאנשאפט, וויל איך באדאנקען די NYS בריק אויטאריטעט פארן ארייננעמען אונזערע שילער אין דעם פראיעקט. עס איז באמת א כבוד צו האבן אונזערע הילקרעסט שילער זיין א חלק פון די בער מאונטעין ברידזש הונדערטסטע יארטאג פייערונגען, באזונדערס אין די צייט ווען מיר, אלץ א סקול דיסטריקט, פייערן אונזער אייגענע 100'סטע יארטאג. די פאקט אז אונזערע קינדער'ס בריוון וועלן געעפנט ווערן אין הונדערט יאר פון יעצט זעצט פאר די היסטארישע קשר צווישן די בער מאונטעין ברידזש און אונזער געוואלדיגע סקול דיסטריקט. נישט אסאך מענטשן ווייסן אז דער זעלבער ארכיטעקט וואס האט געבויט די בריק טאל הייזער, אנטאָניאָו רענזא, איז אויך דער וואס האט געבויט אונזער יעצטיגע הנהלה געביידע, און אזוי אויך די Drum Hill געביידע וואס איז אמאל געווען די פיקסקיל הויך שולע. דאס איז געווען א וואונדערבארע געלעגנהייט פאר אונזערע שילער, נישט נאר צו לערנען איבער לאקאלע היסטאריע, נאר זאגאר צו זיין א חלק דערפון."

**'היסטארישע בריקן פון די האדסאן וואלי' באורד מיטגלידערין, טערע סאָליוואן, האט געזאגט,** "דא שטייט די אייקאנישע סימבאל פון די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט'ס לאנג-איבערגעחזר'טע זאגונג:

'אפגעשטופטע אויפהאלטונג ארבעט איז צוריקגעוויזענע אויפהאלטונג ארבעט.' די בער מאונטעין ברידזש איז אין די סאמע בעסטע צושטאנד בלויז א דאנק די איבערגעגעבנקייט פון די אנגייענדע אויפהאלטונג ארבעט דורך די סאמע בעסטע און ערפארענע איינגעשטעלטע פון די אומאפהעניגע ראיאנישע אויטאריטעט. אריין צו די קומענדיגע 100 יאר און בראווא פארן אנדענקען די היסטארישע ערהייכונג מיט א קאסטן וואס וועט באגראבן ווערן!"

**חפצים קאסטן באגרעבעניש**

היינט אויפן בריק האט די NYSBA פירערשאפט זיך אנגעשלאסן מיט אנדערע סטעיט אגענטורן, ערוויילטע בעאמטע און קאמיוניטי מיטגלידער צו באגראבן א קאסטן מיט חפצים אין עהרע פון 100 יאר זינט די קאנסטרוקציע פון די בריק האט זיך אנגעהויבן. מערערע חפצים זענען בייגעשטייערט געווארן צו די קאסטן, אריינרעכענענדיג בריוון פון געווערנער האקול און ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו, חפצים וואס האבן צו טוהן מיט די הערימאן פאמיליע, געשריבענע מעמארן פון די בריק און פארשידענע אנדענקן פון די בריק אויטאריטעט און די האדסאן וואלי ראיאן. אויך בייגעלייגט זענען בריוון פאר די צוקונפט געשריבן דורך 4'טע קלאס שילער פון די הילקרעסט עלעמענטערי שולע אין פיקסקיל.

די קאסטן איז פארזיגלט געווארן דורך די NYSBA'ס לענגסטע ארבעטער, דזשאן ברוּקס. אלץ אן איינוואוינער פון אָלסטער קאונטי, האט מר. ברוּקס צום ערשט געארבעט אלץ א טאל זאמלער ביי די מיד-האדסאן בריק אנגעהויבן אין סעפטעמבער 1966. זינט ער האט ריטייערט פון פול-טיים דינסט אין 1997 איז מר. ברוּקס געבליבן אלץ פארט-טיים ארבעטער ביי די NYSBA הויפטקווארטיר אין היילענד, NY, אוועקגעבנדיג איבער 56 יאר פון דינסט פאר די אויטאריטעט.

די קאסטן מיט חפצים וועט אריינגעלייגט ווערן אין די מערב זיילן פון די בריק און עס וועט צוריק געעפנט ווערן 100 יאר פון יעצט אין אפריל 2123. די פלאץ געפונט זיך אין די קעלער פון די בריק'ס היסטארישע אדמיניסטראציע געביידע און איז די היים פון די 'ריטשי וואטשעק בער מאונטעין ברידזש מוזעאום'. די פלאץ וואס איז גערופן אין אנדענק פון א ריטייערטער בריק קאנסטרוקציע פארוואלטער איז די היים צו א קליינע מוזעאום און א קלאסצימער וואס איז אפן פאר סקולס און אנדערע גרופעס מיט אפוינטמענטס.

**נייע הונדערטסטע יארטאג וועבזייטל געעפנט**

די בריק אויטאריטעט האט געעפנט א נייע וועבזייטל ספעציעל פאר די 100'סטע יארטאג פון די בריק: www.bmb100.com. באזיכער קענען דארט טרעפן אינפארמאציע איבער הונדערטסטע יארטאג-פארבינדענע געשעענישן, מיטיילן זכרונות און זעהן ארכיוו מאטעריאלן. די מערסטע מערקווירדיגע זאך אויף די וועבזייטל איז אן אפגעכאפטע פילם פון די קאנסטרוקציע פון די בריק אין אקטאבער 1924, א דאנק די אפהיטונג באמיאונגען פון די 'רוקעוודיגע בילדער פארשונג זאמלונג' פון די אוניווערסיטעט פון סאַוט קעראליינע.

מער איינצלהייטן איבער די הונדערטסטע יארטאג-פארבינדענע געשעענישן וועלן פארעפנטליכט ווערן אויף די וועבזייטל אזוי ווי זיי ווערן באקאנט.

**דאקומענטארישע פילם אין אנטוויקלונג**

א דאקומענטארישע פילם, ערווארטעט צו זיין אומגעפער איין שעה לאנג, ווערט אויך יעצט אנטוויקלט. דער פילם פראיעקט איז א צוזאמענארבעטנדע באמיאונג צווישן די בריק אויטאריטעט, די נאן-פראפיט 'היסטארישע בריקן פון די האדסאן וואלי' און א לאקאלער ווידעאגראפירער סקאט סנעל פון SDS Imagery.

**אינטערנאציאנאלע אינדזשענירונג קאנפערענץ קומענדיג צו די האדסאן וואלי**

די האָדסאן וואלי איז אויסדערוועהלט געווארן צו זיין די לאקאציע וואו די 2024 קאנפערענץ פאר די אינטערנאציאנאלע שטריק-געהאנגענע בריקן אפערירער אסאָוסיעישען (International Cable Supported Bridge Operators Association, ICSBOA) וועט אפגעהאלטן ווערן. די 12'טע קאנפערענץ איז באשטימט צו פארקומען פון אקטאבער 6-10, 2024, ביי די פאראייניגטע שטאטן מיליטער אקאדעמיע ביי וועסט פוינט. עס איז ערווארטעט צו צוזאמברענגען בריק אינדזשענירן און בריק אפערירער פון ארום די גאנצע וועלט, און עס וועט פארשטעלן די בער מאונטעין ברידזש דורכאויס איר הונדערטסטע יאר.

די ICSBOA קאנצעטרירט זיך צו העלפן אירע מיטגלידער אויפהאלטן שטריק-געהאנגענע בריק אינפראסטרוקטור דורכן מיטטיילן פון די קענטעניס און ערפארונג אין אפעראציעס און פארמיידנדע אויפהאלטונג ארבעט. שטריק-געהאנגענע בריקן רעכענען אריין געהאנגענע בריקן ווי די NYSBA'ס בער מאונטעין ברידזש און די מיד-האדסאן בריק. די הויפט צוזאמקום פאר די אויסטויש פון די העכסטע אויפהאלטונג סטאנדארטן קומט ביי די אינטערנאציאנאלע שטריק-געהאנגענע בריקן אפערירער קאנפערענץ (International Cable Supported Bridge Operators Conference, ICSBOC) וואס ווערט אפגעהאלטן יעדע צוויי-דריי יאר ביי לאקאציעס ארום די וועלט. די לעצטע ICSBOC איז פארגעקומען אין נאוועמבער 2022 אין קאָובי, יאפאן.

די קאנפערענץ האט א באזונדערע באדייט פאר NYSBA און די האדסאן וואלי. כאטש די ICSBOA איז אפיציעל אוועקגעשטעלט געווארן אלץ אן ארגאניזאציע אין 2013, גייען אירע צוזאמקומען צוריק צו 1991, ווען די NYSBA האט צוזאמגעברענגט איבער 100 אינדזשענירן און בריק אייגנטימער צו פוקיפסי, NY, צו איבערשמועסן וועגן צו פארשטערקערן הענגענדע שטריק אויף די מיד-האדסאן בריק און אויף אנדערע שטריק-געהאנגענע בריקן. א צווייטע קאנפערענץ איז אפגעהאלטן געווארן אין 2000 ארום די בער מאונטעין ברידזש, נאכגעפאלגט דורך נאך קאנפערענצן וועלכע זענען אפגעהאלטן געווארן אין פלעצער ארום די וועלט יעדע צוויי אדער דריי יאר.

**איבער די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט**

די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט אפערירט די בער מאַונטעין, ניובורג-ביקאן, מיד-האדסאן, קינגסטאן-ריינקליף און ריפ וואן ווינקל בריקן. עס איז אויך די אייגנטימער און האלט אויף די סטרוקטור פון די Walkway Over the Hudson פיסגייער בריק העכער די האדסאן. די אויטאריטעט באקומט נישט קיין אפעראציע פינאנצירונג פון סטעיט אדער פעדעראלע שטייער דאלארן, און כמעט אלע פון איר איינקונפט קומט פון טאל. טאל ווערט צוריק אינוועסטירט צו מאכן אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען אויף די אויטאריטעט'ס בריקן, פארזיכערנדיג אז די קריטישע שטיקלעך אינפראסטרוקטור קענען פארזעצן צו דינען די האדסאן וואלי פאר פילע צענדליגע יארן אין די צוקונפט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן